און ווי לאַנג איין מענטשן־לעבן וועט זיין גרינג —
זיינען מיליאָנען, אָ, פאַר איר נישט צו שווער !
און פאַר איר שאַרף נישט פאַרדעקן ס׳קאָן קיינער
נישט דעם פאַרבאָרגנסטן רציחה־באַגער — —

אָ, און ווער פון אונז אַלעמען אַציַנד, ווער,
קאָן זיינע הענט, זיין האַרץ רייניוואַשן פון דער זינד ?
און איז דען נישט איבער דער גאַנצער ערד
דאָס בלוט, פון די מיליאָנען וווּנדן, וואָס רינט ?

יאָ, די גערעכטיקייט איז עס, זי איז בלינד,
די וואָגשאָל זי האַלט אַזוי לאַנג אין איר האַנט :
און ווי לאַנג איין מענטשן־לעבן וועט זיין גרינג,
איז דאָס גאַנצע לעבן נאָר איין בלוטיקע שאַנד — — —

אַז אויפגעציטערט מיט דיר די שאָל, דייטשלאַנד,
און עס איז דאָך נישט בחנם און נישט אומזיסט :
איז דען פאַראַן אַ פאָלק נאָך צווישן פעלקער,
וואָס איז אַזוי טיף געזונקען ווי דו ביזט ?

מוז דיין לאַנד זיין מער פון אַלעמענס פאַרוויסט !
אָ, אַז אונזערע אַלעמענס הענט אַציַנד
זיינען אַזוי פאַרוווּנדיקט, אַזוי פאַרבלוטיקט
און אַלעמענס הערצער פון נקמה בלינד— — —

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן ריידינג־רום, 38 אַדלער סטריט, א.1., — 3 אַזייגער נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 15־טן יאַנואַר, וועט דער באַקאַנטער זשורנאַליסט י. האָדעס האַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער יידישער פרעסע אין ענגלאַנד.

שבת, דעם 21־טן יאַנואַר, וועט דער באַקאַנטער שרייבער א. מ. פוקס ריידן : אַ יאָר אין היטלערס תפיסה ; אליהו פּאָלושאַק : י. ל. פרץ.

שבת, 29־טן יאַנואַר, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון ב. שאַפּיר. מ׳וועט פאַרלייענען פון זיינע ווערק און זינגען זיינע באַקאַנטע לידער.

שבת, 5־טן פעברואַר, וועט זיין דאָס טראַדיציאָנעל שבת־שירה און חמשה־עשר־פּראָגראַם פון דער יידישער ליטעראַטור.

שבת, 21־טן געווידמעט די דערגרייכונגען פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע. עס וועלן זיך באַטייליקן דער שרייבער י. א. ליסקי און אַנד.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג י. נאַראַדיצקי, קאַוועל סט., א.1.





# פריינט פון יידיש לשון

---

## א יאר „פריינט פון יידיש-לשון“

.1

ביי הער פרומהער שנאה ממש, וואָס מ׳שטויסט זיך צו אָפּט אָן,— ביי יענע וואָס ווילן זיך דורכאויס הערוויטערן פון אונז ! — צו אונזער שפּראַך, און ביי דער גרינגשעצונג צו איר, מצד די, וואָס שטייען שוין מכלומרשט נאָנט צו איר, איז ממילא פאַרשטענדלעך די געדרייצטקייט און דער מיסטרויען, פאַרטייאיש־קנאהדיקער און פערזענלעך־קנאהדיקער,—ביי יעטווידער מינוסטער מחלוקה, אין אַ לעפל וואַסער כאָטש, אויסצוגיסן ס׳וואַסער מיטן קינד ! — צווישן די, וועלכע שטייען צוזאַמען אַרום איר ציטערדיק וויגעלע און באַמיען זיך, ממש מיט הוילע הענט, פאַר איר ווייטערער אַנטוויקלונג.

און ערשט די נאַטירלעכע, איינגעבוירענע, מיט דער מוטער־מילך שוין איינגעזויגענע סוחרישקייט אונזערע, וואָס טשאַטעוועט אַזוי ציינגל־שפּאַלטנדיק און געפערלעך אויף יעטווידן שריט אונזערן ; אין איר קלוגן שלאַנגן־קעפּל פאַרקויפט זי שוין יעדן פסוק פון אונזער אַקאַרשט זיך שאַפנדיקע ליטעראַטור ווי אַ פעטע „עליה“ און ווייסט שוין אַזוי גוט און אַזוי געשיקט אויסצוטיילן דעם „רביעי“ און „ששי“ . . . און ווי באַשטימט ערשט ווען דאָס ווערט נאָך געמאַכט מאַרק־שרייעריש און אין קעגנוואַרט פון פרומהע — דאָס איביקע אויסגעפּרוווטע סוחרישע מיטל, מיט עפּעס צווייפלדיקס צו פּערזענטערעסירן, איז קודם־כל זיך וויכטיק צו מאַכן און די אייגענע גרינגשעצנדיקע אויגן ! . . .

איבער אַזאַ מין מצב וואַכט אָבער אויך אַ באַשיצנדיקער אינטימער חוש, אַן אינערלעכע אימוניטעט, און יענע, וועלכע דערשפּירן אין זיך די גאָפּאַר און די נויט פון אַזאַ מין קראַנקהאַפטן מטושטשדיקן צושטאַנד, שאַפט זיך ביי זיי די נויטווענדיקייט פון אַ ברוה;רלעכע אינסטינקטיווע פריינטשאַפט, פון אַ פּסיכישע פאַרבונדנקייט און יעטווידער אויף זיין פּראָסטן פשוטן אופן, מיט מענטשלעכער באַשייטנקייט און הכנעהדיק ערנסט, לייגט צו אַ האַנט, ס׳האַרץ, דאָס גאַנצע לייב און לעבן : זאָל נאָר דאָס קינד לעבעדיק בלייבן ! ! און אויב דאָס קאָכעניש איבער אַ לעפל וואַסער איז אַ סימן מובהק פון יידיש

לעבן — מוזן מיר טאַקע אויך ציטערן אַפּילו איבער זיין יעטווידן טראָפּן ! . . . און אויב סוחרי, חלילה, איז שוין געוואָרן אונזער צווייטער נאַטור,—און „תורה איז די בעסטע סחורה״ ! — טאָ וואָס קאָנען מיר שוין מיט אונזערע באַשיידענע כחות נעבעך טון דאַצו ? . . .

און דערפֿאַר, מסתמא, אין אַזאַ מין געמיטס־מצב זיך געפֿינענדיק, היינט אַ יאָר, ביים גרינדן זיך אין אַ „פֿעראיין״, האָט די גרופּע חברים אַרום די „יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָגס״, איינשטימיק אָנגענומען דעם פֿאַר־טרויליכן און אינטימען נאָמען „פֿריינט פֿון יידיש לשון״.

2

דער ווילן צום גרופּירן זיך אין אַ „משפּחה־פֿעראיין״ איז שוין איין־ניקע מאָל, נאָך מיט דריי יאָר צוריק, פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן פֿנים עולם, פֿון יענע, ביי וועלכע „די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס״, וואָך איין און וואָך־אויס, איז שוין געוואָרן אַ הרגל און אַ גייסטיקע נייטווענדיקייט. מ׳האָט זיך געוואָלט זיכערן אַזאַ היימיש ליטעראַריש קלייזל—אויב ס׳איז שוין טאַקע געוואָרן אַ שטענדיקע און אַ נוצלעכע „אינסטיטוציע״ מוז עס דאָך אויך האָבן אַלע אַטריבוטן וואָס אַ לאַנדאָנער אינסטיטוציע פֿאַרמאָגט: קודם כל די „קאָנטריבושאָנס״ ! . . . די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס״ זיינען אָבער זער ווייט פֿון אַזעלכע און ענלעכע מיני אַספּיראַציעס—די אינספּיראַציעס, וואָס שאַפֿן זיך אין די געמיינזאַמע אַקטיווע און גייסטיקע שעהן, דאָס זיינען זייערע איינציקע אַקטיוון און גענוגענדיקער זכות פֿאַר זייער קיום !

כמעט אַלע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געזוכט דורך די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס פּאָפּולאַריטעט אין דער יידי־שער גאַס און האָבן עס באַקומען מיט פֿולער האַנט און צו יעטווידער צייט, האָבן געזוכט מיט כלערליי מיטלען זיי אַרונטערצוציען אונטער זייער השפּעה און זייער רשות. און ס׳איז זיי נישט געלונגען, פּונקט ווי ס׳איז נישט געקומען צו קיין שטערונג אין דער, כסדרדיקער אָנגייענדיקער אַרבעט דורך יענע וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַקטיוו מיטצואַרבעטן מיט די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס און מיטאַמאָל גענומען „מאַכן שבת פֿאַר זיך״ . . . אָדער „פּראָוון״ זונטיקס... א.ז.וו. א.ז.וו.

לעבעדיק קוואַל־וואַסער, צו אַפּלו שטייענדיקס, מוטנעדיקס, אַנשטויסנדיק זיך אין אַ פֿעסטקייט, שאַפֿט עס באַוועגלעכע קרייזן אין זיך ! און פּונקט ווי ס׳איז אַ געזעץ אַז אַ געשאַפֿענער קרייז מוז זיך ברעכן, שאַפֿט אָבער נאָך דער געבראָכענסטער קרייז אַלץ נייע און פֿרישע קרייזן —

און דערפֿאַר איז יעטווידע מינדסטע באַמיאונג פֿאַרן יידישן וואָרט און קולטורעלן אויפֿלעבונג אויף דער יידישער גאַס ליב און טייער „די יידיש לי־טעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס״ : וואָס מ׳זאָל נישט וועלן „באַצוהעקן״ און אויסן־זיין, די ענג־פּאַרטייאישסטע מאַטיוון, די פּערזענלעכסטע אַמביציעס איז עס



דאָך נאָר אַ באַווייז פֿון דער „פּאָפּולערקייט״ און ווירקונגס־כוח פֿון לעבעדיקן יידישן וואָרט. און אַפּילו דער „נזם זהב באף חזיר״, טיילמאָל, שאַפֿט אויך נאָך אַ קאָמישע הנאה—די פֿון די יידישע שבת־נאָכמיטאָגס זיינען ליטעראַריש גע־שולט און האָבן אַ זין פֿאַר הומאָר.

3

איז אויב מיר האָבן זיך, סוף כל סוף, געזאַמלט אין אַ מין גרופּע, איז עס אַז מיר זאָלן זיין אַ פֿעסטער מיטלפּונקט; פֿון אונזער אָפּשטייענדיקע מוטנע־קייט דאָ, דער זאַמדל ביי זאַמדל צוזאַמענגענומענער טפּחדיקער ברוגז ערד; אַז אַפּילו אונזער קנאת־סופֿרים זאָל זיין תּרבה חכמה ! יענער פּראָסטער פּשוטער מנין יידן ווילן מיר ווייטער זיין. וואָס, אַז אויב זיי זיינען צוערשט פֿאַראַן, קאָן מען ערשט דערמלט אויסרופֿן אַרום בעלזמער די עליות צום פֿאַר־קויפֿן: צום ערשטן מאָל, צום צווייטן־מאָל, און צום דריטן מאָל ! און אַז ראָד־און רעדל קרייזט אים אַרום, בגילופֿנדיק און תמימותדיק, וואָס מאַכט עס שוין אויס, אַז אויבן, אויף דער מזרח־וואַנט, שלאָגט מען זיך איבערן „אתה הראת״ !

יאָ, אַז מיר וועלן נאָר זיצן געזאַמלט אין זיך און פֿעסט אַרום אונזערע קלאַסיקער און אונזערע גרויסע שרייבער און דיכטער, וואָס שאַדט עס אַז אויבן־אָן וועצן זיך אויס די כל־ערליי סאַנקציאָנירטע למדוואָוניקעס, מיט די אַלע פּרנסים־„מעצענאַטן״, אָקאָרשט אַרויסגעקראָכענע פֿון זייער פֿאַרבאָרגעניש ? וואָרים דאָס אַליין, וואָס אַרום אונזער מאָדערנער קולטור איז שוין פֿאַראַן אַ ביליק טומלעניש און עלנבויגן שטופּעניש פֿון סוחרשקייט און כבוד־זוכעריי, איז דאָך אַ גענוגענדער באַווייז פֿון איר גרויסן און אָנגעזעענעם ווערט אין איר יחוס עצמו.

יאָ, אויב מיר האָבן געוואָגט און אויסגעוויילט דעם פֿאַרטרויליכן און אַזוי־פֿיל צוזאָגנדיקן נאָמען פֿאַר אונזער גרופּע, מוזן מיר דעם נאָמען ווערט זיין, מוזן מיר זיך אויפֿסניי פֿאַרדינען אונזער צוטרויען און נאָך מער ווי ביז איצט צו שטיין גרייט מיט יעטווידער פֿון אונז מעגלעכע הילף, פֿאַר יעדער קולטורע־לער און יידיש געזעלשאַפֿטלעכער אינסטיטוציע און פֿאַר יעדן יידיש־שאַפֿנדיקן און קולטורעל ווירקנדיקן.

נישט קיין „פּאָפּולאַריטעט״ און נישט קיין מאַכט אײנפֿלוס זוכן מיר אויף דער יידישער גאַס, פּונקט ווי מיר ווילן נישט אויסבעסערן גלייכגילטיקייט און גרינגשעצונג צו אונזערע קולטור אוצרות מיט פּראָלערישע איבערטרייבונגען און רעקלאַמיש־„אידעאַליסטישע״ איבערשעצונגען — אונזער באַשיידענע און עקשנותדיקע באַמיאונג איז, דאָס יידיש שעפֿערישע וואָרט, זאָל זיין פּאָפּולער ! ס׳זאָל זיין דאָס לויטערע ליכט אין אונזער אויסוועגלאָזן פֿינסטערן לעבן !! אַז אונזער יידישע ליטעראַטור, איר גייסטיק־ווירקנדיקע מאַכט, זאָלן אַרבעטן אין אונזערע אַלעמענס הערצער מיט תמימותדיקן גלויבן און וואָרעמער איבערגע־בענקייט, און איר לעבעדיקער קוואַל זאָל דערפֿרישן אונזער כח און ווילן און זאָל דערקוויקן אונזער אויסדויער מיט דורותדיקער אַרבעט.

א. נ. ש.

## משה עובד

# פראַפעסאָר שלמה מיכאעלס

### אַ מיניאַטור סילועט

(פאַרגעלייענט ביי דער פייערונג לכבוד דער רויטער אַרמעע)

די וואָס קענען די בינע טהרה־ברעטלעך, ווייסן:
אַז הימל און ערד בענטשן דעם אַקטיאָר,
צו קענען אַרויפברענגען צו תחית המתים
טיפּן פון אַן אָפּגעשטאָרבענעם דור.
אָבער אַמלעבעדיקסטן שפּילט דעם אייגענעם טיפּ,
מיכאָעליס מלאכיש זיין אייגען וועזן,
ווען זיין ליפּ פאַלט פלאַטערנדיק אויף ליפּ,
ווען זיין פאַרמעט־פּנים עפנט זיך צום לעזן:

פאַר אונזער האַרץ אַזוי דערשלאָגן און צובראָכן
שאַלן זיינע ליפּן בשורות, טרייסט און פאַרווילונג,
מיט יו״טדיקע אויגן אין מיטן אין דערוואָכן
און מיט דעם ביטערן אמת־וואָרט פון היילונג.
פון זיין אונטערשטער אויסגעשטרעקטער ליפּ טריפן רייד,
ווי פון לעפל מעדיצין פאַרן פאַרשמאַכטן קינד,
בשעת זיין אייבערשטער ליפּ ציטערט ווי די פרייד,
פון רויטן פאָן אין שוואַרצן שטורמווינט.

און זיין תקיעה, תרועה און שברי־לב געוואַנג
באַגלייטענדיק זיינע ליפּן יידישלעך זינגט:
„וויי און ווינט, וויי און ווינט,
ביסט נעבעך אַזוי קראַנק
און פאַרוואָרלאָזט מיין פאָלק, מיין קינד,
טרינק אַראָפּ שוואַלבל מיינס, קרוינעניו שיינס,
טרינק, טרינק, אָט אַזוי! אָט אַזוי!
ס׳זאָל דיר זיין צו אַ רפואה שלימה, אוי!

איצט פאַרבייס אַ שלום־עליכם־דיקס,
מיין לאַ עליכם־דיקס!
עס איז אַ ציקערל אַ זויערלעך־זיסעס,
נעם עס, פאַרנעם עס, נאָג עס, גענים עס.
דיר צו געבן ביטערס, דיר מיין שיינס,
שניידט מיר ביים האַרץ ווי מיט מעסער,
וואָס וויל איך דען? איך וויל דאָך נאָר איינס,
עס זאָל דיר תיכף, נעבעך ווערן שוין בעסער“.



## אליהו פאלושאק

# י. ל. פרץ איבער די עכטע און פאלשע פאליאַקן

### (פראַגמענט פון אַ פאָרטראַג)

. . . די רוסישע אַרמייען האָבן באַטרעטן פּויליש געביט. אַלט־באַקאַנטע נעמען פון שטעט און שטעטלעך ווערן דערמאָנט אין די צייטונגס־באַריכטן. יעדער נאָמען — אַ שטיק יידישע געשיכטע. ס׳זענען די שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן אַזוי אָפט געשילדערט אין אונזער יידישער ליטעראַטור. די רוסישע שטאָט בערדיטשעוו איז שלום עליכם׳ס כתרילעווקע און מענדעלעס גלופּסק. און די אַנדערע שטעטלעך? זענען זיי נישט די טוניעיאַדעוועקעס און בויבעריקס?

---

עס רוישט אַ וואַלד, טאָג און נאַכט . . . איך מיין נישט אַ וואַלד פון ביימער. עס רוישט דער צייטונג־וואַלד אין דער גאַנצער וועלט. און די טעמאַ איז: די פּויליש־רוסישע באַציאונגען, די קאָנסאָלידאַציע פון אַ פעסטע רוסיש־פּוילישע גרעניץ און די אַנערקענונג פון אַ פריי אומאָפּהענגיק פּוילן.

דאָ אין לאָנדאָן זיצט אַ פּוילישע עמיגראַנטן רעגירונג. צום טייל קענען מיר זיי פון דערהיים. ווען ס׳האָט זיך זיי געלוינט, האָבן זיי געקישט היטלערס שטיוול. דער פּאָלקאָווניק בעק איז אַלע פאַר וואָכן געוועזן אַן אורח אין היטלערס רייכסקאַנצליי. דאַמאָלס האָט מען דאָרט אין וואַרשע געהאַפּט שטילערהייט: „טאָמער וועלן די דייטשן דאָך באַלד מאַרשירן קעגן דעם מזרח און צושניידן און צעהאַקן רוסלאַנד אין שטיקער וועלן מיר די „עכטע פאַליאַקן“, די אמת׳ע היטער פון אָרדנונג און קריסטלעכע קולטור אָפּלעקן אַביינדל:— די ווייטע פעלדער און וועלדער פון ווייסרוסלאַנד: מינסק און סמאָלענסק און אפשר גאָר אַרויף צום צפון ביז פּסקאָוו און נאָווגאָראָד . . .“ פון די אוקראַינע האָבן נעבעך אָט די דאָזיקע עכטע פאַליאַקן גאָרנישט געקענט חלומען . . . די אוקראַאינישע שמאַלץ־גרוב האָבן די דייטשן געפּלאַנעוועט צו פערכאַפּן פאַר זיך.

די רוסישע פּרעסע רעדט מיט גרינגשעצונג, כמעט מיט פאַראַכטונג, פון דער פּוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג דאָ אין לאָנדאָן. לויט זייער מיינונג האָבן זיי כמעט נישט קיין רעכט צו רעדן אינם נאָמען פונם פּוילישן פאָלק.

ווי זענען די פאַקטן? פּוילן מוז זיין פריי, פּוילן וועט זיין פריי, פריי פון היטלערס דאָמינאַציע. ווער קען פּוילן באַפרייען? פּוילן קען זיך אַליין נישט באַפרייען. די אַליאירטע קענען אינם איצטיקן מאָמענט פּוילן אויך נישט באַפרייען. פונם געאָגראַפישן און מיליטערישן שטאַנדפּונקט אויס קען נאָר רוסלאַנד באַפרייען פּוילן. רוסלאַנד קען נישט מאַכן קיין האַלט ביי באַשטימטע נאַטירלעכע און קינסטלעכע גרענעצן. רוסלאַנד מאַרשירט, וועט מאַרשירן, מוז מאַרשירן פונם קאַלטן צפונדיקן אָצעאַן אַראָפּ ביז צום שוואַרצן ים . . . און ווייטער נאָך . . . און מיר האָפן, אַז זי וועט מאַרשירן אַלס באַפרייער. די וועלט מוז ווערן באַפרייט פון דזשינגיז־חאַן און זיינע הונען . . .

און פוילן וועט מוזן בייגן איר ווילן קעגן די מאַכט און דעם ווילן פון אַ באַפרייער און אויפהערן צו חלומען וועגן אַ ווּשעך־פּאָלסקאַ פון ים צו ים, פונם באַלטישן ים ביז קיין אָדעס ביים שוואַרצן ים.

ווען איר הערט מיך אַזוי רעדן, קענט איר מיינען, אַז איך האָס פּוילן, אַז מיר האַסן פּוילן. ניין, מיר אַלע ליבן פּוילן, ווי קינדער האָבן ליב דער מאַמעס שויס.—פּוילן האָט אונז נישט ליב געהאַט! ווען פּוילן וואָלט אונדז אידן געהאַט ליב וואָלט דאָך דאָ, און דאָ און דאָרט מעבר לים גאָרנישט געווען מיליאָנען פּוילישע יידן!... איך אַליין בין געבוירן אין אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט פאַרבאָרגן צווישן בערג איבער דער ווייסל, און בין אויפגעוואַקסן אינם שאָטן פון רוישנדיקע פּוילישע וועלדער ביי דער ווייסל. און פאַר מיר זינגט די ווייסל נישט נור פּויליש... פּרץ און שלום אַש, די צוויי גרויסע פּוילישע יידן האָבן אונדז אויסגעטייטשט דעם פּסוק און אָנגעזאָגט פאַר קינדס קינדער, אַז פאַר אונז יידן זינגט די ווייסל יידיש... אין פּוילן זענען מיר לויט פּרץ'עס מיינונג (און דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט) גאָרנישט קיין פרעמדע, נאָר גלייכע פאַרטנער מיט'ן גאַנצן פּוילישן פאָלק. פּוילן איז געוואָרן אויפגעבויט אַלס לאַנדשאַפט מיט דער הילף פון לאַנדבאַזיצער און פּויערים. די פּוילישע שטאָט, דער פּוילישער האַנדעל און קליין־אינדוסטריע זענען אין מיטעלאַלטער אויז מיט יאָרן צוריק געוואָרן אויפגעבויט פון יידן און מיט יידישע הענט. אין גאָר אַלטע צייטן מיט 800—900 יאָר צוריק האָבן די דאַמאַלטיקע רוסן גע־רופן די פּאָליאַקן—פּאָליאַניע, ד.ה. פעלד־איינוווינער. קיין שטעט און שטאָ־טישע ייִדלונגען איז דעמלט נאָך נישט געווען אין פּוילן. יידן האָט מען פאַר־פאָלגט אין דייטשע לענדער, האָבן די דעמלטיקע פּוילישע פירשטן געזאָגט צו די פאַרפאָלגער: „שיקט אונדז אַריבער אייערע איבריקע יידלעך, מיר וועלן אייך גוט באַצאָלן פאַר זיי..." און די דייטשע גראַפן און פירשטן און בי־שאָפן האָבן געמאַכט דערביי אַ גוט געשעפט.

יידן האָבן באַקומען אין פּוילן נישט נאָר גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר באַ־זונדערע פּריווילעגיעס, אַן אייגענעם בית דין, ד.ה. אייגענע געריכטסבאַרקייט און דעם באַקאַנטן ועד ארבע ארצות, אַן אייגענעם יידישן פּאַרלאַמענט פון די פיר פּוילישע הויפּטלענדער.

לעזט יידישע געשיכטע און לעזט פּרצעס קאַמף־אַרטיקלען: „געדאַנקען און איהזען", „אויפזאַצן און פעליעטאָנען" און איר וועט ווערן רייכער אין אייער וויסן איבער די שטעלונג פון אונדז יידן אינם אַלטן און אינם נייערן פּוילן.

אין איינעם פון זיינע קאַמף־אַרטיקלען „ווער זאָל ריכטן?" זאָגט פּרץ: „דער פּוילישער קריסט מוז זיך געוויינען צום געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אין לאַנד אַ פּוילישער ייד.

„אַז דער פּוילישער ייד האָט דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ, אויף זעלבסט־באַשערונג, און אויף אַ גלייכער דעה אין אַלעם, וואָס איז שייך צום לאַנד אין דער געגנוואַרט; און אַז ער וויל און מוז אויך צוגעלאָזט ווערן צו דער אַרבעט ביים בויען די פרייע צוקונפט פון לאַנד."



פּרץ זעצט פאָרט: „אַז מיר זענען גרייט צ אַלעם, וואָס די צייט וועט פון אונדז פאַרלאַנגען, אָבער נישט צו אונטערוואַרפן זיך דעם מוטוויל פון די, וואָס ווילן לעבן אויפן חשבון פון פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלן... איבער אונדז!

„מיר און איר גייען אויף צוויי־ערליי וועגן, אָבער צו איין ציל... אַלע פעלקער גייען צום מענטש! אָבער אונדזער וועג וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרלאָזן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

„און וועט מען אויסרופן: אַן יידן! — וועלן מיר זיין די פּאָליאַקן און טאָן לויט אונדזער ווילן...

„מיר האַלטן זיך גלייך! און מיר וועלן פאַר דער גלייכהייט קעמפן!"

---

אין אַ צווייטן קאַמף־אַרטיקל, וואָס איז באַטיטעלט „צום פּריץ" מוזט איר הערן, וואָס פּרץ דער פריידענקער האָט געשריבן איבער די מה־יפיתניקעס, די אַסימיליאַטאָרן, די פאַלשע פּאָליאַקן:

„איך בין דאָס פאָלק פון דער וועלט, אָבער איז די וועלט אויף לענדער געטיילט, גילט ירמיהוס צואה: ודרשו את שלום העיר!

„און רעדן מיר וועגן שלום, איז נישט מיט דיר!

„גלויב נישט דיינע שמייכלער! גלויב נישט די, וואָס טראָגן מאַסקן אויף די פּנימער...

„גלויב נישט די, וואָס טוישן, דיר צוליב, דיר ענלעכער צו ווערן, זייערע שבתים און ימים טובים און מנהגים.

„וואָס טוישן חנוכה־לעמפּלעך אויף קריסטן־ביימלעך".

„ווער עס טוישט זיי, האַנדלט!

„גלויב נישט די, וואָס הנדלען מיט רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע סימבאָלן, ווי מיט הערינג און אייער..."

— — — — — — — — — — — — — — — —

מה רעש? וועט מען פרעגן. נאָך איז מלחמה נישט געווינען, נאָך איז פּוילן נישט פריי. אפשר חלילה וועט אַלץ אַנדערש קומען... אָהער אפשר!....

רבותי, נישט אפשר!... פּוילן איז פאַר אונדז אַן אַנגעווייטיקט אָרט. אין פּוילן איז איצטער דאָס יידישע לעבן צעשטערט. פּוילן איז היינט דער גרויסער טרויעריקער יידישער בית הקברות. אָבער נאָך דעם קומענדן נצחון וועט אין פּוילן, אינם נייעם פרייען פּוילן אויפשפּראָצן אַ ניי יידיש לעבן, יידישע קהלות, נישט מעמבערשיפּס אין שולן, ווי דאָ אין גייסטיק־אָרימען יידישן קבוץ, נאָר אמתע יידישע קהלות.—די בערמודאַ קאָנפערענץ האָט אונדז גאָרנישט צוגעזאָגט... אָבער די עמיגראַנטן־רעגירונג אונטער דעם פער־שטאָרבענעם גענעראַל סיקאָרסקי האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן בעהאַנ־דעלט ווערן אינם נייעם פּוילן ווי אייגענע קינדער. איז דאָך גוט! אוודאי גוט איז דאָך די איצטיקע פּוילישע פאַרטרעטונג אין רוסלאַנד און זייער קאַש־טשושקאַ־בריגאַדע! נישט גוט איז אָבער, וואָס מען האָט אונדז נישט צוגע־זאָגט דעם סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און פולע גלייכבאַרעכטי־

קונג נישט נאָר אַלס פּאָליאַקן, נאָר אויך אַלס יידן. דעריבער איז גוט צו דערמאָנען פּרצעס ווערטער צו די עכטע פּאָליאַקן :

„אַפּטרעטן וועלן מיר דאָך נישט, קענען מיר נישט. מיטן מה־יפית האָבן מיר שוין לאַנג געענדיקט.

„און אויב שלום, איז שלום צווישן צוויי גלייכבאַרעכטיקטע. געאַכט מוז ווערן אונזערע יידישע מינדערהייט !"

די פּאָלישע פּאָליאַקן, די מה־יפיתניקעס וועלן מיר שרייען אין אויער אַריין שלום אשס אַ געלונגען וואָרט :

„פאר מיר זינגט די ווייסל יידיש !"

## מאריס סאכאטשעווסקי

די יידישע מאָלער, געבוירן דאָ אין די וויטשעפּל געסלעך, באַרימט יעצט אין דער ענגלישער מאָלעריי, ווי גערטלער, באָמבערג א.א. האָבן, לכל־הפחות, געהאַט אַ צוויי צענדליקער יאָרן פון רואיקער ענטוויקלונג און אַרבעטמעג־לעכקייטן. און אויך דער ליבהאָבער און פּאַראינטערעסירטער אין מאָלעריי האָט מער מנוחה געהאַט און געמיטלעכן שלות הנפש, כדי זיך צו פּאַראינטע־רעסירן און צו קענען זיך צוקוקן צו זייער ענטוויקלונג און צו זייער צייטיקער אַרבעט — אַן ענין, וואָס איז זער נויטיק און נוצלעך פאַר דער ענטוויקלונג פונם פּראָדוקטיוון קינסטלער !



מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן רוען
פון אַ גרעסערע פאַרביקע צייכענונג.





זעלבסט־פּאָרטרעט

אונזער איצטיקער דור יינגע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַקאָרשט ערב דער מלחמה, אַזוי ענטוזיאַסטיש און מיט יוגנטלעכן ברען,—און אַזויפיל צוזאָגנדיקס איז שוין געווען אין זייער בוסר־און בכורים־אַרבעט ! — און וואָס זייער בילדער, אויף די אויסשטעלונגען אין דער אַקאַדעמיע און אין דער ווייטשעפּלער „אַרט־גאַלעריע" זיינען תמיד געהאָנגען אויף דער אָנגע־זעענסטער שפּיגל־וואַנט—מיט דער מלחמה־אויסברוך זיינען זיי ווי זייערע אַרבעטן פאַרשווּנדן !

מאָריס סאָכאַטשעווסקי, נישט נאָר וואָס ער געהערט צו די יינגע, נאָר מיט זיין אויסדויער און התמדה און יוגנטלעכן בראַוור, מיט זיין לעבעדיקער געשיקטקייט און אויטאָדידאַקטישקייט האָט ער ממש ווי מיט אַ קאַמעראַ אויפּ־גענומען אין די צענדליקער יידישע טיפּן דאָ פון די אָרעמע געסלעך און ווייטשעפּעלער מאַסן־בילדער, און באמת באשיינט מיט זיי תמיד די אויסשטע־לונגען און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער און אויך ענגלישער פּרעסע־רעפּאָרטערס צו זיך און צו זיינע טיפּן.

שפּעטער מיט זיינע שוין פאַרטיפטערע בילדער פון די מינען־אַרבעטער אין די וועלסער שטימונגספולע לאַנדשאַפטן,—אויסגעשטעלט שוין נישט בלויז אין ווייטשעפּל אַרט־גאַלעריע, נאָר אין די גאַלעריען אין באָנד סטריט, האָט זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט זיין אַרבעט די ערנסטע ענגלישע קריטיק.

**אין זיינע לעצטע בילדער, מאָלעריש און אַטמאָספעריש שוין פאַרטיפט,**


אויף דער וואך


שפּילנדיקע האַרמאָניקע



האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו שפּירן דער יינגער קינסטלער, וואָס קעמפט מיט דער טעכניק אַרויסצובאַקומען אַ שטיקל אייגענע אייגנאַרטיקע פאָרם.

יעצט מיט די נייע אַרבעטן פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי האָבן מיר די שפּור,—בילדלעכער געזאָגט : דעם שליאַד . . . פון אונזערע יינגע און יינג־סטע ! זיי זיינען ווי אַלע אונזערע פּעאיקע און יינגערע בהורים צווישן 16־20, געוואָרן סאָלדאַטן, באַלדביים אויסברוך פון דער מלחמה.

זיינען זיי אונז דאָפּלט ליב און טייער די סעריע סאָלדאַטן־צייכענונגען, וואָס עס האָט מיט זיך מיטגעברענגט דער סערזשאַנט סאָכאַטשעווסקי, נאָך פינף יאָר אוועקזיין פון אונז : פינף יאָר אין אַקטיוון דינסט, ווי אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט און נישט אַרויסלאָזן דעם פּענזל פון דער האַנט און צייכענען, איז עס נישט נאָר אַ געפונענע שפּור פון אונזערע יינגע, אַז זיי לעבן, נאָר ס'איז אַ צייכן פון זייער טאַלענט און זייערע ווייטערע לעבנס־אַרבעט. דער אויסדויער און אחריות צו קינסטלערישע אַרבעט איז באַשטאַנענער נסיון פון טאַלענט !

ווי וועלן ערשט די בילדער, די מיטדערלעבטע און איבערגעלעבטע,— די בלוטיקע און פיבערדיקע וויזיעס פון יינגע מענטשן און טאַלענטן ! — באַקומען פאָרעם און זיך ווייט און פאַנטאַסטיש אויפוויקלען אויף ברייטע ליי־וונטן, ווען זיי וועלן ווי דערפאַרענע קינסטלער אַהיימקומען און האָבן רואיקע יאָרן פאַר זייער ווייטערער ענטוויקלונג און צייטיקע אַרבעט. אָ, ווי מיר ווינטשן עס און ווי מיר האָפן ! ס'איז דאָך זייער פריש און יונג לעבן און די צוקונפט און די ווייטערע קינסטלערישע ענטוויקלונג פון אונזער ישוב דאָ.

א. ב. ש.

## י. ביעטש
# אינסטיטוציעס און נייע יידישע ביכער אויפגעריכטע שפע

אין די איצטיקע שווערע צייט ווי עס רוקט זיך כסדר אַרויס פראַגן און פּראָבלעמען וועגן אויפהאַלטן און באַשיצן אונזער קולטור בנין, האָט ביי אונז געקריגן אַ אַפּקלאַנג, און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אַ ריר געטון, און וועלן עקשנותדיק עפּעס פעסט האַלטן, געשאַפן דאָס פאָלקסהויז, צווי יידישע טעאַטערס, דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פעראיין, וועמעס אויפגאַבע עס איז גייסטיק רייכער און פאַרביקער צו מאַכן אונזער לעבן, און אַ ריי ליטעראַרישע און קולטור קערפּערשאַפטן, פון וועלכע די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס פאַרנעמט בלי ספק אַ גרויס אָרט, הערמיט וואָס משבת לשבת ווערט אויסגעפירט די פונקציע, בעיקר צו אינפאָרמירן ווי עס האַלט אין די יידיש ליטעראַרישע וועלט.

אַ שיין און אָנגעזען קאַפּיטל פון קולטור אַרבעט פאַרנעמט דער קונסט־פעראיין בן־אורי, אַ קולטור אינסטיטוציע וואָס עקזיסטירט שוין קרוב צו דרייסיק יאָר און דורך די צייט געזאַמעלט אַ ווערטפולע קאָלעקציע פון קונסט

ווערק, אָבער אַ באַשיידענע היים פאַר די בילדער און סקולפּטורן קיינמאָל נישט געהאַט, טראָץ דעם וואָס די פאַר קונסט־ליבהאָבער האָבן תמיד געחלומט דערפון, און די קאָלעקציע האָט געמוזט וואַנדערן פון פּלאַץ צו פּלאַץ אינטער אונגינסטיקע באַדינגונגען, עפּעס ווי יידישע קונסט איז אַ איבריק עופהלע אינם היגן יידישן לעבן.

נאָך אַ הפסקה פון כמעט פיר יאָר האָט דער פעראיין באַנייט איר טעטיקייט, מיט אַ גראַנדיעזע אויסשטעלונג וואָס שטייט לגמרי איבער אַלע פריערדיקע אויסשטעלונגען, דערמיט וואָס ס'האָט רעפּרעזענטירט די עלטערע יידישע קינסטלערס ווי יוסף איזראַעלס, דער יידישער רעמבראַנד פונם נייצנטן יאָרהונדערט מיט זיין וואַרימען רעאַליזם; קאַמיל פּיסאַראָ, דער איינציקער ייד צווישן די שאַפער פונעם אימפּרעסיאָניזם; מאַקס ליבערמאַן, און אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון ייִנגע יידישע קינסטלער, וואָס זייערע ווערק פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין די וועלט־גאַלעריעס. אויב דער בן־אורי איז געבוירן געוואָרן אין די ערשטע גרויסע וועלט־מלחמה, האָבן אָבער די קונסט־ווערק, די נשמה פונם פאָלקס שאַפן, ערשט איצט אין אונזער ביטערסטער צייט, געפונען אַ מקום מנוחה און אַ אייגענע היים.

דאָס יידיש קינסטלערישע וואָרט האָט לעצטנס ביי אונז שטאַרק זיך אויפגעבליט, און במשך פון די פיר־פינף יאָר איז דאָס יידישע לאָנדאָן באַרייכערט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדע צאָל ביכער. עס איז גאַנץ שווער אין די געציילטע שורות צו געבן אַ גענויערע כאַראַקטעריסטיק, שוין אָפּגערעדט פון אַ אָפּשאַצונג, איבער די פאַרשידענע ביכער און בראָשורן, וואָס שפּיגלירט אין כל המינים קאָלירן און מאַניפעסטירט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען. דער בעסטער שבח וואָס קען דאָ געזאָגט איז אַז דער בייטראָג הייבט דעם אָנזען פון אונזער ליטעראַטור, באַזונדערס איז ווערט צו באַגריסן די שפע פאַרן קינסטלערישן וואָרט, הגם עס האַלט דערווייל נאָך אין יערונגס צושטאַנד.

נייע ביכער וואָס זיינען לעצטענס ערשינען צייגן, אַז דער מצב פונם יידישן שאַפן אין אונזער ישוב לאָזט איבער אַ טיפן צייכן, אין האָט זיך גאָר נישט צו שעמען לגבי אַנדערע ייִנגע יידישע ישובים. אַזוי איז לעצטנס אַרויס דריי אָנגעזעענע ביכער פאַרן יידישן לייענער דאָ פון מאָריס מייזער: דער בעל שם טוב, מעשיות און לעגענדעס פונם גרינדער פון חסידיזם. אַ אָבהאַנדלונג איבער משה רבינו, אַלס באַפרייער, פירער און געזעצגעבער און אַ בוך „פערציק יאָר יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן". דאָס בוך גיט אַן אַנאַליזע פון דער ענטוויקלונג פון יידישע דראַמאַטישע קונסט.

בן־א. סאַכאַטשעווסקי, „למך", „וועלט און מענטש", און אַ בוך לידער „אונטערן שווערט", בשותפות מיט יוסף הלל לעווי (אגב יוסף הלל לעווי האָט נאָך חוץ דעם שותפות־בוך אַרויסגעגעבן זיין בוך „קראָקע", אַ גרויסע פּאָעמע, און איצט זיין בוך „ווען די וועלט ברענט") און „שמע ישראל". דאָס לעצטע בוך וויל זיין רעליגיעז־פילאָזאָפיש. עס זיינען פאַראַן אַ סך דערמאָנונגען וועגן די געשעענישן פון אונזער שטורמישער צייט, און די סאָציאַלע ראַנגלענישן און קאַמפן.



עס מוז ווערן דערמאָנט צוויי ביכער פון דעם שרייבער און דיכטער ס. פּאַלמע. אַ נאָוועלע „צווישן פיר ווענט" און אַ בוך לידער „פאַרוויסטע ערד", דאָס לעצטע שטייט אויף אַ ליטעראַרישן ניוואָ.

צוויי ביכער פון דעם ייִנגען שרייבער אברהם אָרזשיצער, אייראָפּעאישע שטריכן און „פּראָלעטאַרישע יוגנט". וועגן דעם לעצטן בוך איז געווען קאָמענטירט אין די אויסגאַבע „אונזער וואָרט", אַלס טענדענציעז און דינט צו איין סאָציאַלן אמת, וואָס איז פּאַרטייאיש. עס מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז זיינע געשאַפענע טיפן זיינען ריכטיק געזען איינגעפלאָכטן אין לעבן, אָבער די דערציילונגען ווערן צו אָפט דערהדריקט אונטער זיין רעאַליסטישע טענדענץ.

„נשמה קלאַנגען", דאָס ערשטע בוך פונם דיכטער שמואל וועייט, איז אַ בייטראָג פאַר אונזער יידישע דיכטונג דאָ.

לעבנסווערט איז אַ בוך דערציילונגען פון דעם יידישן שרייבער לייב קורלאַנד „עס האָט זיך אָנגעהויבן". דאָס ווערק גיט אונז אַ פּאָרטרעט פונם באַרבאַריזם וואָס טראָגט זיך אָן און סטראַשעט צו פאַרשלינגען אַ וועלט. קורלאַנד האָט אויך שוין דאָ געדרוקט אַ „בויגן לידער".

אַ וויכטיקע ערשיינונג און פון אַ קולטורעלן ווערט זיינען די העפטלעך, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן יעדן חודש פון א. נ. שטענצל. דאָס רעגלמעסיקע ערשיינען פון די העפטלעך באַצייכענט אַ נייע תקופה, וואָס האָט זיכער מיטגעהאָלפן צו די איצטיקע שפע פון יידישע ביכער אין אונזער ישוב, כן ירבו. און אויך פון די פּובליציסטישע און ליטעראַרישע זשורנאַלן „אונזער וואָרט", „אייראָפּע", „פרייע יידישע טריבונע". זאָל נאָך דערמאָנט ווערן רבי שפּעטמאַנס „קונטרס האמת" און דוב וואַרשאַווסקיס פּאַמפלעטן.

די רשימה פון די צאָל ביכער פון די לעצטע יאָרן איז ווייט נישט אויסגעשעפט. צ.ב. די באַקאַנטע שרייבער איציק מאַנגער און י. א. ליסקי האָבן אַרויסגעגעבן נייע ביכער. אויך אונזערע פרויען דיכטערינען און שרייבערינען מלכה לאָקער און סקדא, און איצט די באַקאַנטע שרייבערין אסתר קרייטמאַן. דאָס ווייזט אַז עס געפינט זיך איצט דאָ אַ שאַפנדע קראַפט, וואָס ס'איז איר אויפגאַבע אויפצוהאַלטן דאָס יידישע וואָרט.

די אויפגאַבע פון אונזערע שבת־נאָכמיטאָגס איז געוויס אויך אַ שטאַרקונג פאַר די ייִנגע שרייבער און פּאָעטן וואָס בשעת די דערשיינונג פון אַ בוך ווערט געמאַכט אַ שבת לכבוד דאָס ערשיינען פונם בוך צו לייענען און דעקלאַמירן און קריטיש צו באַלייכטן.

אין דעם איצטיקן טראַגישן מאָמענט, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געשטעלט פאַר שווערע נסיונות און מען פאַרנעמט זיך אויף אונזער גייסט און לעבן, איז די דערשיינונג פון יעדן יידישן בוך אַ אָנגעצונדן ליכטל. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטן מיר געהאַט אָן די יידישע ליטעראַטור, דאָס איז דער נר תמיד וואָס האָט אונז געראַטעוועט און דערהאַלטן, דער עמי אנכי בצרה, און סיי די אַלטע און סיי די נייע ליטעראַטור האָט שטענדיק געקרעפטיקט דעם בטחון אויף בעסערע צייטן.

## א. נ. שטענצל

# צו דער רויטער אַרמײ
(לכבוד דעם 26־טן געבוירן יאָר)

## דער נצחון מאַרש

I.

באַפרייען איר וועט די גאַנצע ערד,
ווי אייער לאַנד דערלייזט איר האָט ;
עס וואַרטן די פעלקער אומעטום
אויף דעם עכאָ פון אייער טראָט.

ווי געוואַלטיק, האַפערדיק, הילכיק,
ס'טראָגט זיך אייער גרויליקער שריט !
די טויזנט פּיסקעס פון דער הידרע
פון שטויב בלויז ווערן פאַרשיט — — —

יאָ, ס'איז די ערד אונטער אייער גאַנג
אַ באַראַבאַן וואָס פויקט צוזאַם — —
אַלע הערצער ברויזן אַנטקעגן,
ווי צום ברעג די כוואַליעס פון ים !

ווי זיי פאַלן, ווי זיי גייען אויס,
אין דעם געשפּריץ־און בלוט־געשווים — —
ס'זיינען די ליידן פון די פעלקער
טיפער ווי דער ימישער תהום !

דערלייזן איר וועט די גאַנצע ערד,
ווי אייער לאַנד איר האָט באַפרייט ;
ס'איז אייער הילכיקער פעסטער טראָט
דער ברעג פון די מענטשלעכע לייד.

## פאַר די געפאַלענע

II.

ווײנט ווער דען נאָך געפאַלענע אַזעלכע,
אַז פאַלנדיק זיי אַליין טראַכטן פון זיג ?
אינמיטן אויפגעשרייען, האַפערדיקע,
ס'גיט די ערד געוואַלטיק זיך אַזאַ צעווויג !



ווי שפּרייט זי זיי אויס, מיט אַזויפיל ליבע,
אירע פאַרבראָכענע אָרעמס, מאַמע ערד,
ווען אַזאַ זון אירער, אַזאַ געטרייער,
אינמיטן זיין געראַנגל פאַרמאַטערט ווערט ;

אָן אויפגעציטערטע מיט לייב און לעבן,
אונטערשאַפנדיק דעם געפאַלענעמס קאָפּ,
בלייבט זי געבויגן אַזוי איבער אים שווין,
און זי נעמט נישט מער פון אים איר אויג אַראָפּ —

ווי פרייַדיק זי וויגט זיך און ווי טרויעריק שטיל,
זייער טויט איז דאָס געזאַנג פון איר ליד —
דאָס זיסע שמייכעלע אויף קינדער ליפּלעך,
איינגעשלאָפענע פון לאַנגע וויינען מיד.

ווײנט ווער דען נאָך געפאַלענע אַזעלכע,
אַז פאַלנדיק זיי אַליין טראַכטן פון זיג ?
אַזאַ לעצטער געדאַנק, אַזאַ אייביקער,
ס'איז דאָס אויפלאַכן פונם קינד אין דער וויג !

## א יידיש רויט-ארמעאיש וויג-ליד

„אויף אַ ווייסן שימל, אויף אַ שוואַרץ פערד
וועט דער משיח קומען צו רייטן — — "
אַצינד ווייסן מיר'ס, אַצינד פאַרשטייען מיר'ס
וואָס דאָס אַזוינס קאָן אפשר באַדייטן.

III.

אונטער יענקעלעס וואַקלדיק וויגעלע,
געשטאַנען ס'איז אַ מאָגער־האָר לעמעלע,
האָט עס געלעבט פון ברייזעלעך־ברעקעלעך,
אַראָפּגעפאַלן פון יענקעלעס זעמעלע.

מאַמעלעך ! אַ פּנים האָבן זיי געהאַט,
אַז אָך און ווי איז געווען צו זיי ביידע !
ס'קליינע יענקעלע אין זיין וויגעלע שוין
אויסגעזען האָט ווי זיין אייגענער זיידע.

אָבער אַז מ'האָט געוואָלט קוילען ס'לעמעלע,
זיין העלדזעל האָט יענקעלע אונטערגעהאַלטן ;
און נישט איינמאָל אין זיין וואָרעם־ווייכע וואָל
האָט ס'לעמעלע יענקעלען אויסבאַהאַלטן —

אַזוי־אַ געפונען רויטער־אַרמייעץ
פאַרהונגערט יאַנקלען מיט ווייסינק לעמעלע !
אַ שטיק ברויט ראַזאָווע דערלאַנגט זיי ביידן,
אַנשטאָט פּיצינקע־ברעקעלע זעמעלע — — —

האָט רויטע בעקעלעך יענקעלע יאַטל,
און ס'לעמעלע — אַ פערד מיט לייבן־גריווע !
איז די גאַנצע ערד צעוויגט איצט אונטער טראָט
פון רויטן יאַט און פערד זיינעם, דעם שיווע.

## עליזאבעט

1

ווי שרעקלעך ס'זענען די טעג איצט,
זענען שרעקלעכער מיר די נעכט —
מיין גוף, אַנגסטן־אויפגעשווידערט,
אַ פאַרפלאָנטערטער נעץ־געפלעכט.

דיין קאָפּ, פאַרבלוטיקט צעפּאַטלט,
אַן אָפּגעהאַקטער אין מיין שויס,
וואַרעם נאָך, אַ צעצאַפּלטער,
מיט אויגן אָפענע און גרויס.

אָ, ווי שרעקלעך זיי קוקן דאָס,
זיי בעטן אַ גלעט פון מיין האַנט — — —
ניין, מיין פינסטערער קאָפּ איז עס,
עס גליווערט מיין בלוט, מיין פערשטאַנד.

.2

זאָג, די גליסטעניש פון דיין לייב
ווי אַזוי כ'וועל קאָנען פאַרשטיין,
אַז אַ לעבעדיקע אין גאַנץ
וועסט פריידיק מיר אַנטקעגנגיין ?

אַז צומאָל אַנטקייגן טראָגן
וועסט אויף צאַפּל פון דיינע הענט
דיין האַרץ ? אָ, אונזערע טעג איצט
אינם שווידערלעכן אָן־ענד — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —



ווי ס'רינגלט זון די ערד אַרום,
די געקוילעטע — מיין געדאַנק !
און אין די נעכט טראַכטנדיק דיך,
איז מיין קאָפּ מבושימדיק קראַנק.

3

וואָס קאָנען ליפּן דען זאָגן,
צומאָל פאַרביסענע אין שויס,
ווען טויזנט גופים זיינען נאָר
איינציקע הערצגליפּן־אות ?

איין טויט אויג, אַן אויפגעריסנס,
איז עס נישט מער ווי אַלע רייד ?
אָ, ווי דיינע טויטע אויגן
קוקן־אויף מיט אַזויפיל פרייד :

„זעסט, כ'האָב אים געלאָזט אָפּהאַקן,
נישט געקאָנט אים דערטראָגן מער,
איז ער געפאַלן פון מיין לייב,
ווי פון אויג אַראָפּ ס'פאַלט אַ טרער" —

— — — — — — — — — — — — — — — —

4

האָבן דיך דען נישט מיינע הענט
אויסגעקנאָטן ליים פון מיין ליים ?
ביזט דען נישט אַ ריפּ פון מיין לייב
אַן אָפּגעבראָכענע אין דיין היים.

אַז דאָס פעלטל אַרום דיין האַלדז,
וואָס געצערטלט ס'האָט עס מיין בליק,
געשליפענע תליון־האַק נאָר
זאָל טוליען מיין חלומדיק גליק ?

אָ, מיט פינצטערניש אַזוי פיל
אויפגעריסן ס'איז מיין בליק איצט,
ביז דאָס פעלטל אַרום דיין האַלדז
פאַרטיפט אַזוי ס'האָט אויפגעבליצט —

5

יאָ, די גליסטעניש פון מיין גוף,
און פון מיין בענקעניש דער טרוים,

זיי זיינען אַלע ביידע שוין
סלופּעס צום בית־עלמנשן צוים.

און צווישן נעמען אַנדערע
דיין פרעמדן הייליק כ׳קריץ מיט איין,
אַז לעבעדיק זאָלסט קאָנען בלייבן,
און אַנדער נאָנטקייט כ׳זאָל פאַרשטיין —
— — — — — — — — — — — — — — — —
גאַנצע נעכט כ׳גיי דיר אַנטקעגן
און כ׳ברעך צוזאַם אין מיטן וועג — —
מיט מאַרכל פון געקוילעטע
וואָקן שרעקלעך מיך אויף די טעג.

## „פריינט פון יידיש לשון"

(יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס)

מיט דעם אָבגערונדיקטן פינפיאָריקן באַשטיין (אייגענטלעך אַ יובל) פון די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס" אין לאָנדאָן, איז ווערט אַז אַלע פריינט פונם לעבעדיקן יידישן וואָרט זאָלן זיך באַקענען מיט אַ דעם קאַרגן איבערבליק פון דער וויסטיקער אַרבעט.

מיט לערך פינף יאָר צוריק זענען די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס" געגרינדעט געוואָרן אינם רידינג־רום, לאָנדאָן, א. 1. דורך א. נ. שטענצל, און ביז היינט ווערן זיי פון אים אָנגעפירט און האָבן זיך קונה שם געווען צווישן די ברייטע קרייזן פון די יידיש־דענקדיקע מענטשן אין לאָנדאָן. דער לעבעדיקער נערוו פון אָט־אַ דער פינפיאָריקער אומערמידלעכער און ווערטפולער אַרבעט, באַשטייט אין דעם, וואָס אָן אַ הפסקה ווערן די ליטעראַרישע נאָכמי־טאָקס אויסגעפירט יעדן שבת מיט אַ גייסטרייך פאָלקסטימלעכן און ליטע־ראַרישן אינהאַלט.

מ׳קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז עס איז געוואָרן אַ גייסטרייכער, לעבעדיקער יידישער צענטער פון פאַרשידענע רעפלעקסן פונם יידישן פאָלקס־וואָרט, פונם ריינעם פאָלקס־ליד און פון דעם ווערטפולן טעאַטראַל־קינסטלערישן מאָטיוו. באַזונדערס רייכהאַלטיק איז דער ליטעראַרישער טייל, ווי עס קומט צום אויס־דרוק דורך דעם לעבעדיקן וואָרט, דורך פאָרלעזן, רעציטירן א.א.וו. פון אונ־זערע אַלטע קלאַסיקער מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם און אַלע נאָכפאָל־גענדיקע, ביז דער געגנווערטיקער און צוקונפטיקער ניי וועלטלעכער ליטעראַטור, וווּ עס גייען אויך אַריין די נייע סאָוועטיש־יידישע שאַפונגען.

אויך וויכטיק און באַלערנד זענען די פּילזייטיקע רעפעראַטן איבער גע־שיכטלעכע, היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעמען, און איבער פאַרשידענע יידישע און וועלטלעכע פּראָבלעמען, וואָס שפּיגלען אָפּ צייט־אָפּשניטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און אויך וועגן דער צוקונפט.



עס איז קוים מעגלעך זיך פאַרצושטעלן וועלכע אָנשטרענגונג עס געהער דאַצו, צוזאַמענצושטעלן די וועכנטלעכע פּראָגראַמען פון די פילע רעדנער, לעקטאָרן, קינסטלער און קינסטלערישע פּעאיקע קרעפטן. אויף וויפל עס איז מיר מעגלעך וויל איך אַדורכגיין אַן אַנקעטע פון באַטייליקטע נעמען, בלויז אונגעפער פונם לעצטן יאָר.

רעדעס און רעפעראַטן וואָס זענען געגעבן געוואָרן פון באַדייטענדע לעקטאָרן, קולטור־טוער, דיכטער, שרייבער א.א.וו. זענען משה עובד, א. נ. שטענצל, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, אסתר קרייטמאַן, י. א. ליסקי, שלמה אויער־באַך, א. מ. קייזער, מלכה לאָקער, שלמה גאָלדענבערג, א. מ. פוקס, דר. קור־לאַנד, י. ח. קלינגער, א. אַרדשיצער, י. ש. טהבש, אליהו פאָלושאַק, עלעק וואָטערמאַן, פאַלאַ לעסמאַן, יעקב זאַנטאַק, דר. טענענהויז, אַדלער רודעל, דר. אַלשוואַנגער, י. טיגער, גאָלדשמיד, מ. מיטהעל, א. בערמאַן, רעוו. דוב וואַר־שאַווסקי, רבי טווערסקי, יעקב האַדעס, י. פרענקעל א.א.

דער ליטעראַריש־קינסטלעריש און פאָלקסטימלעכער טייל איז אויסגע־פירט געוואָרן פון פאָלגענדע קינסטלער און קינסטלעריש פּעאיקע קרעפטן: מרס. האָראַ דיימאַנט, לאה פייגנבלום, אַלין ווינאָגראַד, ר. מאַרקוס, מר. י. ביעטש, מ. ווייסגראַז, אייזיק גאָלדבערג, מ. א. ראַכמאַן, חזן פ. פייגנבלום, מאיר ניסנבוים, סעם פעלטען, דיריגענט יעקב שערמאַן, רעוו. חזן מייעראָוויטש, חזן ש. ראָטה, א. מייזעלס, יהדל גאָלדבערג, שלמה קאָהן, סעם גאָלדבערג, מ. איצקאָוויטש, בלום, ל. בעלקין, זיידנבייטל, האַלצשטיק, דון־יחיא און אַנד.

נישט צו פאַרגעסן איז נאָך פון דער וויכטיקער ליטעראַרישע אויסגאַבע דאָס רעגלמעסיקע דערשיינען פון דעם מאָנאַטלעכן העפטל דאָ אין לאָנדאָן.

אין פאַרגלייך צו דעם האָט נעבן די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס" מיטגעאַרבעט דער קערפּערשאַפט „פריינט פון יידיש לשון" מיט די באַשיידענע כחות וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם באַקאַנטן דיכטער משה עובד און קולטור טוער י. ביעטש, וועלכעס דאָס אַלעס ווערט פינאַנציעל אונטערשטיצט.

דעם „פריינט פון יידיש לשון" האָט מיטגעהאָלפן מאַטעריעל און גייס־טיק דאָס רעגעלמעסיקע אַדורכפירן פון די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס" און אויך אין די לעצטע חדשים פונם ליטעראַריש מאָנאַטלעך העפטל. אַז ס׳זאָל קאָנען דערשיינען אין אַ גרעסערן פאָרמאַט און מיט קונסט־קלישעס. אויסער דעם זענען פאַרשידענע אונטערנעמונגען אַדורכגעפירט געוואָרן. צווישן אַנדערע אַ ליטעראַריש קינסטלערישער קאָנצערט פון די שוישפּילערין מרס. האָרא דימאָנד אין יידישן שעלטער; אַ „שלום־עליכם־פייערונג" אין פּיפּעלס־פּעלעס אין יולי 1943, געמיינזאַם מיט דעם „יידישן קולטור־קלוב". אַ יעקב גאָרדין יובילעאום צוזאַם מיטן יידישן „פאָלקס־הויז און פאָלקס טיש". זיך באַטייליקט אין „פּוילן־צענטער", „אוהל" און „דאַלסטאָן קולטור־צענטער".

אַ פאָלקסליכער קאָנצערט אין סעפּטעמבער 1943, אין יידישן שעלטער, פונם קינסטלער־פּאָרל, סעם גאָלדבערג און אַלין ווינאָגראַד. אַדורכגעפירט אַקציע פאַר דעם רוסלאַנד־פאָנד אין נאָוועמבער 1943, ביי די קבלת־פּנים פייערונגען

פון די חשובע סאָוויעטיש־יידישע געסט אין לאָנדאָן, פּראָפ. שלמה מיכאָעלס און דיכטער איציק פעפער א.א.וו. מיר זיינען אויך אָפיציעל אָנגעשלאָסן אינעם קאָמיטעט פאַרן פאָנד פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אַרבעטן אַקטיוו מיט.

די קאָלאָסאַלע אַרבעט קאָן באַצייכנט ווערן אַלס זער גרויס, ווייל אַ אינסטיטוציע מיט אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, מיט אַ ברייטן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, קאָן אָפטמאָל אַזאַ טעטיקייט נישט באַווייזן. דער פאַרדינסט פונעם „פריינט פון יידיש לשון" איז דאָס, אַז פון די אונערמידלעכע אַרבעט פון א. נ. שטענצל און דורך די צוזאַמענאַרבעט איז דערפון געוואָרן אַ עפנטלעכע קולטור־אינסטיטוציע פאַר די ברייטע קרייזן פון די יידיש רעדנדע מענטשן.

עס איז נאָך פאַראויסגעזען אַ גרויסער אַרבעטספּלאַן אויפן קולטורעלן געביט, אָבער עס איז אָפּהענגיק פון דער איבערלעכער שטאַרקייט אַזוי ווי פון דער אויסערליכער באַציאונג צו אַלעם.

מיר האָפן, אַז די ברייטע קרייזן ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט וועלן וויסן ווי אָפּצושאַצן די וויכטיקע קולטור־אַרבעט און אונטערשטיצן דורך אָנשליסן זיך, מיטצואַרבעטן און באַזונדערס דורך באַזוכן די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וואָס קומען פאָר פון איצט אָן רעגלמעסיק אין רידינג־רום, אַדלער סטריט, לאָנדאָן, א.1, מיט דער טעכנישער מיטהילף פון די באַקאַנטע קולטור־טוערין מרס. דון־יחיא. דער איינטריט איז פאַר יעדן פריי.

נאָר אַזוי אַרום וועט מעגליך זיין די אינסטיטוציע אויסצובויען אין נאָך אַ ברייטערן פאַרנעם ווי עס פּאַסט זיך פאַרן יידישן לאָנדאָן.

גלייכצייטיק דאַנקען מיר דעם יידישן שעלטער, באַזונדערס, מר. מאַנדי, פאַר לאָזן באַנוצן זיך מיט דעם זאַל אין די לעצטע צוויי יאָר פאַר דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט.

**אייזיק גאָלדבערג**, האָנ. סעקרעטאַר.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אדלער סטריט, א.1.—3 אַזייגער נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 19־טן פעברואר, האָט הרב טווערסקי געהאַלטן אַ פאָרטראָג: דער כוח פון תפילות. חזן ראָט וועט זינגען יידישע תפילות.

שבת דעם 26־טן, אַן הזכרה נאָך י. י. זינגער. א. מ. פיקס וועט האַלטן אַ פאָרטראָג: י. י. זינגער און זיין ליטעראַריש שאַפן. מ׳וועט פאָרלייענען פון זינגערס ווערק.

שבת דעם 4־טן מערץ, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ רעפעראַט: דער חסידיזם ווי אַ שעפערישער מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור.

שבת דעם 11־טן מערץ, וועט זיין ווי אַלע יאָר די טראַדיציאָנעלע שבת פורים־פייערונג פון יידישן הומאָר.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג י. נאַראַדיצקי, 131־129, קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**זעקס פענס**



# פּופּציק יידיש־העפטלעך

## לכבוד דעם פּופּציקסטן העפטל

צוויי אויפגאַבן האָט זיך דאָס העפטל געשטעלט פון ערשטן טאָג אָן פון זיין דערשיינען: ערשטנס, אַז ס׳זאָל זיך טראָגן אַליין, אָן שום אונטערשטיצונגען מעצענאַטן; דער ערשטער באַדינג פון לעבנס־פעאיקייט איז „חי נושא את עצמו"! און צווייטנס, אַז יעדער געדרוקטער עקזעמפּלאַר זאָל קומען צו אַ יידיש־לייענעדיקן מענטש אין האַנט אַריין. אין תוך גענומען איז עס איינס און די זעלבע זאַך: אַז יעטווידער עקזעמפּלאַר ווערט געלייענט, טראָגט זיך די אויסגאַבע ממילא. און אומגעקערט: אַז מ׳נעמט אויף זיך, נזהר צו זיין נישט מער צו נעמען פאַרן עקזעמפּלאַר, נאָר וויפיל ס׳איז אויף אים אָנגעשריבן דער פּרייז, איז מען ממילא געצוואונגען צו האָבן אַזויפיל קונים, וויפיל מען דרוקט אָן עקזעמפּלאַרן.

דער ערשטער נומער האָט אויף זיך קיין No. נאָך נישט געטראָגן, ווייל דעמלט, ווען דער ערשטער נומער איז דערשינען סעפּטעמבער 1940, אין די ערשטע בליץ־טעג, ווען קיין יידישע צייטונג איז אפילו נישט דערשינען, ווער האָט געטראַכט פון „גרינדן", אָדער פון קאָנען כסדר אַנגיין מיט אַ יידיש ליטעראַריש העפטל דאָ אין ווייטשעפּל —

מיט דעם ערשטן העפטל האָבן מיר נאָר געוואָלט, אַז די קאָנטיניואיטעט פון לעבעדיקן יידישן וואָרט זאָל ווייטער אָנגיין. פאַר אונז, וואָס גלויבן אין דער פיזיש און גייסטיקער ווירקונג פונעם וואָרט בכלל, איז דאָס יידישע וואָרט די קמיע איבער אַ יידישן ישוב אים צו באַשיצן — און ווי נאָך, ווי אין יענע סכנותדיקע טעג דאָ אין אונזערע געסלעך, ווי האָבן מיר עס נויטיק געהאַט באַשיצט און באַהיט צו ווערן!

דער ערשטער נומער ווי דער ערשטער צענדליק ווייטערע נומערן האָבן בלויז אַנטהאַלטן 8 זייטלעך און געקאָסט בלויז 2 פענעס. איך דערמאָן מיך: ערב ראש־השנה 1940! איך בין געקומען מיט דער גאַנצער ערשטער אויפלאַגע פון קרוב 500 עקזעמפּלאַרן אין „טילבערי"־שעלטער אַריין.

פונקט אַ שעה איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז דאָס העפטל פאַרטיק געוואָרן! בכדי שיעשה, עס ערגיץ וווּ צוטראָגן און צייט נאָך צו האָבן צו לויפן נאָך אין שעלטער אַריין, איידער דאָס שיסן און באָמבעס פאַלן הייבן זיך אָן, איז שוין נישט געווען. און אויך: אויב מ׳לויפט זיך ראַטעווען מוז מען דאָך ס׳ביסל האָב־און־גוטס אויך מיט זיך מיטראַטעווען — אויב מ׳קאָן.

קורץ און גוט, איידער ס׳איז געווען נאַכט, אין משך פון קוים איין שעה,